**ALEYN IN VEG** 

## אַליין אין וועג

# I Walk Out Alone Onto the Road

Poem by M. Lermontov (1814–1841): "Vikhazhu odin ya na dorogu" was translated by Abraham Reisen (1875–1953), music by E. Sashin. Published in sheet music by Joseph P. Katz in 1915. Numerous Yiddish translations of the Russian poem were printed in the *Perl.* The song was parodied by D. Apotheker in *Di yidishe bine*, N. Y., 1897: "Di shlekhte tsaytn" (The Hard Times) about the depression. Also Abraham Goldfaden's song "Shtil un fintster iz di nakht in droysn" was contrafacted to the melody of *Vikhazhu* (printed in Sholem Aleichem's *Di yidishe folks-biblyotek*, 1891).

Kh'gey aroys aleyn in veg in breytn,
S'glantst der veg durkh dinem nepl-shtoyb,
Shtil di nakht, der midber hert got reydn,
Un di shtern zingen got a loyb.

Oyfn himl—vunderlekh un herlekh. . .
S'rut di erd in bloen shayn gehilt.
Vos zhe iz mir azoy bang un shverlekh?
Vart ikh, vos? Tsi hob ikh vos farshpilt?

Neyn! Ikh vart fun lebn gornisht vayter,
Un der nekhtn art mikh oykh nisht fil—
Kh'zukh nor ru, vern a bafrayter
Lozn alts, antshlosn vern shtil. . .

Nit mit yenem kaltn shlof fun keyver—
Eybik shlofn volt ikh hobn lust,
Shlogn zol mit lebn yeder eyver,
Otemdik zikh heybn zol di brust.

Tog un nakht ikh hern zol zikh tsien
A gezang fun libe on a shir;
Un a demb zol eybik grinen, blien,
Beygn zikh un royshn iber mir. . .

כ׳גיי אַרויס אַליין אין וועג אין ברייטן,
ס׳גלאַנצט דער וועג דורך דינעם נעפּל-שטויב,
שטיל די נאַכט, דער מידבר הערט גאָט ריידן,
און די שטערן זינגען גאָט אַ לויב.

אויפן הימל - ווּנדערלעך און הערלעך . . .
ס׳רוט די ערד אין בלויען שײַן געהילט.
וואָס זשע איז מיר אַזוי באַנג און שווערלעך?
וואַרט איך, וואָס? צי האָב איך וואָס פֿאַרשפּילט?

ניין! איך וואַרט פֿון לעבן גאָרנישט ווײַטער,
און דער נעכטן אַרט מיך אויך נישט פֿיל -
כ׳זוך נאָר רו, ווערן אַ באַפֿרײַטער
לאָזן אַלץ, אַנטשלאָסן ווערן שטיל . . .

ניט מיט יענעם קאַלטן שלאָף פֿון קבֿר -
אייביק שלאָפֿן וואָלט איך האָבן לוסט,
שלאָגן זאָל מיט לעבן יעדער אבֿר,
אָטעמדיק זיך הייבן זאָל די ברוסט.

טאָג און נאַכט איך הערן זאָל זיך ציִען
אַ געזאַנג פֿון ליבע אָן אַ שיעור;
און אַ דעמב זאָל אייביק גרינען, בליִען,
בייגן זיך און רוישן איבער מיר . . .

I walk out alone onto the broad road. The road shines with a thin fog. The night is still, the desert hears God talking, and the stars sing a paean to God.

In the sky, wonderful and lofty, the earth rests, enveloped in the blue glow. Why, then, do I feel so sad and heavy of heart? Am I waiting perhaps? Have I wasted some opportunity?

No! I expect nothing further from life, and yesterday doesn't bother me much either. I seek only rest when I shall be free to leave everything behind and finally grow still.

Not with that cold sleep of the grave—I would gladly sleep forever. Let every limb pulsate with life, let my breast heave with breath.

Day and night let me hear them singing an endless love song, and let an oak tree grow green and bloom forever, and bend low and rustle over me.


Andante
Am F G Am C G
Kh'gey a-roys a-leyn in veg in brey - tn, S'glantst der veg durkh di-nem ne-pl -
C E F C
shtoyb; Shtil di nakht, der mid-ber hert Got rey - dn Un di
Dm E Am Dm E7 Am
shte - rn zin-gen Got a loyb; Un di shte - rn zin-gen Got a loyb. Oy-fn
C G C Dm G7
hi - ml vun-der-lekh un her - lekh S'rut di erd in blo-en shayn ge -
C E Am
hilt, Vos zhe iz mir a-zoy bang un shver - lekh? Vart ikh
Dm E Am Dm E7 Am
vos? Tsi hob ikh vos far-shpilt? Vart ikh vos? Tsi hob ikh vos far-shpilt?